# Der Findzhan-דער פֿינדזשאַן

Paroles : Haïm Hefer   Musique populaire  Yiddish : Itzhok Luden

| | |
|---|---|
| Der vint blozt on oyfher ,s'iz kalt | דער ווינט בלאָזט אָן, אויפֿהער ס'איז קאַלט |
| Derlangt a por tsvaygn fun vald | דערלאַנגט אַ פּאָר צווײַגן פֿון וואַלד |
| Un vifil s'iz koyekh faran | און וויפֿיל ס'איז כּוח פֿאַראַן |
| Dos fayer tseblozt mitn flam. | דאָס פֿײַער צעבלאָזט מיטן פֿלאַם. |
| | |
| Es tsindn zikh flamen | עס צינדן זיך פֿלאַמען |
| Mir zingen tsuzamen | מיר זינגען צוזאַמען |
| Arum geyt arum der findzhan | אַרום גייט אַרום דער פֿינדזשאַן |
| | |
| Tsuzing :tra ,tralala… | צוזינג :טראַ, טראַלאַלאַ... |
| | |
| Vos iz do tsu reydn a sakh? | וואָס איז דאָ צו ריידן אַ סך? |
| A mayster iz er in dem fakh | אַ מײַסטער איז ער אין דעם פֿאַך |
| Git kave un tsuker un dan | גיט קאַווע און צוקער און דאַן |
| Nor tsugisn vaser in kan | נאָר צוגיסן וואַסער אין קאַן |
| | |
| Dan tsvey mol oyfkokhn | דאַן צוויי מאָל אויפֿקאָכן |
| Azoy vi farshprokhn | אַזוי ווי פֿאַרשפּראָכן |
| Arum geyt arum der findzhan | אַרום גייט אַרום דער פֿינדזשאַן |
| | |
| Tsuzing :tra, tralala… | צוזינג: טראַ ,טראַלאַלאַ... |
| | |
| Dermont der findzhan zikh di nakht | דערמאָנט דער פֿינדזשאַן זיך די נאַכט |
| Ver khevre gekumen fun shlakht | ווער חבֿרה געקומען פֿון שלאַכט |
| Vi motkele mit zayn nagan | ווי מאָטקעלע מיט זײַן נאַגאַן |
| Gevorfn fun kaas hot zikh dan. | געוואָרפֿן פֿון כּעס האָט זיך דאַן. |
| | |
| Es klingt nokh in oyer | עס קלינגט נאָך אין אויער |
| Der tsar un der troyer | דער צער און דער טרויער |
| Arum geyt arum dem findzhan. | אַרום גייט אַרום דעם פֿינדזשאַן. |
| | |
| Tsuzing :tra, tralala… | צוזינג :טראַ, טראַלאַלאַ... |
| | |
| Es geyen di yorn farbay | עס גייען די יאָרן פֿאַרבײַ |
| Un s'kumen oyf dores funsnay | און ס'קומען אויף דורות פֿונסנײַ |
| Keyn fremder vet keynmol farshteyn | קיין פֿרעמדער וועט קיינמאָל פֿאַרשטיין |
| Fun zemer dem zin un dem khen. | פֿון זמר דעם זין און דעם חן |
| Der kemfer vet konen | דער קעמפֿער וועט קאָנען |
| Zikh tomid dermonen | זיך תמיד דערמאָנען |
| Dem eybikn krays fun findzhan. | דעם אייביקן קרײַז פֿון פֿינדזשאַן |
| | |
| Tsuzing: tra ,tralala… | צוזינג: טראַ, טראַלאַלאַ... |